STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04400

REFLECTIONS AT MIDNIGHT

Gitl Rivkeh Kuselewitz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיטנאכטיגע געדאנקען

גיטל רבקה קושעלעוויץ

בדפוס האחים
שולזינגר נ״י-יורק.נ.י.

דאָס איז די איינציגע גייסטיגע ירושה וואָס איך לאָז איבער מיינע קינדער, אייניקלאַך און אור-אייניקלאַך. פון די אלמנה פון דעם גרויסען צדיק און גאון **ר' שמואל קושעלעוויץ זצ"ל**, וואָס האָט איבערגעלאָזט זיין „נתיבות שמואל".

1976 **גיטל רבקה קושעלעוויץ**

זכרונות פון אַמאָל

אין דיא מיידלישע יאָהרען בין איך געווען אַ „וואָלענטיר סאָשיאַל־וואוירקער" אין דיא אַלטע היים, אין ליטע, און האָב אָרגאַנ־זשירט, אַז מענשען זאָלען נעכטיגען ביי קראַנקע אָהן באַצאָלען.

אַמאָל איז אַריינגעקומען אין אונזער שטעטעל אַ פרוי מיט פיער קינדער, און זיי האָבען ניט געוואָלט באַלאַנגען צו אונזער „סאָסיעטי" פון בקור־חולים. אָבער אַז איין טאָכטער איז קראַנק געוואָרען מיט טיפוס, האָט קיינער ניט געוואָלט גיין נעכטיגען (ווייל מ'האָט געהאַט מורא זיך אַנצושטעקען). האָב איך געזאָגט: „איך גיי!" האָבען דאַמאָלט געזאָגט אַנדערע מיידלעך: „אויב דוא ווילסט גיין, גייא!" אָבער שפּעטער זיינען זייא אויך געגאַנגען. דיא מיידעל איז געזונט געוואָרען, און שפּעטער איז זיא געוואָרען איינע פון דיא געטרייסטע מיטגלידער פון אונזער קרייז.

אַז עס איז געקומען פאַר פסח האָט מען אומזיסט אָפּגעבאַקט מצות פאַר אָרימע. און מיר האָבען דאָס אַליין געבאַקט — ממש מיט די אייגענע הענט! ביינאַכט נאָכדעם ווי די בעקערס האָבען גע־ענדיגט זייער מצה־באַקען. און מיר האָבען אויך באַצאָהלט פאַר דיא מעהל. נאָכדעם האָבען מיר אַריינגעבראַכט די מצות צוא דיא אָרימע־לייט אין הויז אַריין. אָוואו האָט מען גענומען געלט אויף דעם? מ'האָט געמאַכט אַ „וואָכער" — אַ געוויסע סומע געלט וואָס יעדע בעל־הבית'טע האָט זיך אָנגענומען צוא געבען, און מיר מיידלעך זיינען אַרומגעגאַנגען דאָס אָנצוקלייבען. אויך פאַר קראַנקע. ווען דיא קראַנקע זיינען געזונד געוואָרען, פלעגען זייא, זייער אָפט, נאָכדעם אַליין העלפען אונז.

פאַר קימפּעטאָרינס האָט מען געקאָכט הינער־זופּ. אין אַלע שטעטלעך איז געווען אַ אידענע וואָס פלעגט קאָכען פאַר חתונות און אַנדערע שמחות. פלעגט מען איהר ברייגנען אַ הון אָדער געלט פאַר אַ הון, און זי פלעגט אומזיסט אָפּקאָכען דיא זופּ, מיר זאָלען עס קענען ברייגנען צוא דיא אָרימע קימפּעטאָרינס.

אַז אימיצער איז געשטאָרבען, פלעגט מען בייא זייא זיין גאַנצע

טעג און נעכט — כדי דיא משפחה זאָל ניט בלייבען אַליין. און מ׳פלעגט זיך בייטען, אַז די דיא זעלבע מיידלעך זאָלען ניט דאַרפען בלייבען צוא לאַנג — זאָל ניט ווערען צוא שווער. צוא דעם פלעגט מען ניט דאַרפען קלייבען אַ „וואָכער״, נור וואָלונטירען דיא אייגענע צייט און כוחות.

אַז אַ מאַן איז אַוועקגעפאָהרען קיין אַמעריקע, פלעגט מען אויסלערנען דיא געבליבענע טעכטער אַ מלאכה — ווי נייען — כדי דיא משפחה זאָל האָבען פון וואָס צוא לעבען, און נאָכדעם אַז זייא פאָהרען קיין אַמעריקע, זאָלען זייא האָבען אַ פאַך. פלעגען דיא מיידלעך אַריינקומען דאָרטען אין שטוב און נייען, און זייא העלפען און באַשאַפען אפילו, ווער זאָל אָנשטעלען עפּעס בייא זייא.

איך בין געוועזען דיא ערשטע וואָס האָט דאָס אָרגאַניזירט (אָבער מען דאַרף זיך אַליין ניט זאָגען — יהללוך זרים), אָבער אַזויא איז דאָס געוועזען — עס איז דער אמת.

אַזויא איז געוועזען דיא מאָדע. די אַריסטאָקראַטקעס האָבען דאָס ניט געטאָהן. די אָרימע, וואָס האָבען אַליין געליטען, האָבען דאָס פאַרשטאַנען. די ׳ביג־שאָטס״ זיינען ניט געוועזען פאַראינטערעסירט.

אַז מ׳איז יונג קען מען טאָהן אַזעלכע זאַכען — כל־זמן מ׳איז פריי. מען באַאַלנגט ניט צום מאַן און צוא קינדער. אַלע אַרבעט וואָס אַ „סאָשיאַל־וואוירקער״ טוט איצט פאַר געצאָלט — פלעגט מען דאַן דאָס טאָן אומזיסט.

דיקטירט צוא ב. ג. — 2/1/76

Daughters of Jacob
Geriatric Center
Bronx, N. Y.

געדעכטיגער באַשעפער

גערעכטער באַשעפער, דוא בינסט גערעכט און
דיין משפט איז גערעכט...
דאָ איז וואונדער שיין און באַקוועם
אָבער וואו בינסטוא? און וואו בין איך?
נייך, עס האָט דאָס ניט פּאַסירט!
אָבער דאָך זעה איך דיאווירקליכקייט.
ניט אַלעמאָל איז דער שלייער שטאַרק גענוג —
עפּעס פלוצלונג ווערט דער שלייער פאַרשוואונדען
און איך דערזעה די ווירקליכקייט און
דאַמאָלט איז שווער דער געמיטה, די האַרץ,
דיא געדאַנקען. דיא פאַרגאַנגענהייט פון כמעט אַ
גאַנצען לעבען׳ס־לויף רופט און פרעגט
פאַרוואָס אַזויא? און פאַרוואָס אַזויא?
מיר דאַנקען ג׳ פאַר יעדען טאָג
אָבער באמת פאַרשטייען מיר ניט
דיא גרויסקייט פון באַדייט
דיא שיינקייט וואָס יעדער טאָג קען ברייגגען.
שטענדיג האָט מען פאַרשפּעטיגט —
און זייער אָפּט פאַרזעהען...
אָבער נור ווען עס איז צוא שפּעט...

איך רייד צוא דיר... איך בין אַליין
עס איז מיר צוא גוט — דיא שיינע ליכטיגע נאַכט,
דיא ליכטיגע זון, דער העלער ליכטיגער
קלאָרער הימעל; דיא זאַכען וואָס האָבען
אַלעמאָל אָנגעפילט דיין האַרץ מיט פרייד —
איז דאָס טאַקע ײַיין פאַר דיר פאַרניכטען אויף שטענדיג?

מיט דעם איז מיר זייער שווער שלום צוא מאַכען.
איך האָס ניט, און טאָר ניט זינדיגען —
אַזויא פיל אומגליקליכע...
וואָס פעלט מיר? קינדער, ב״ה אייניקלעך
און אור־אייניקלעך; געשאָנקענע יאָהרען.
דאָס איז דאָך דאָס העכסטער וואונש פון יעדער
מענשען־קינד. זייא מיר מוחל, גוטער
באַשעפער. איך בין דאָך ניט מעהר וויא
בשר ודם...

אידען

אידען, ווער זיינען מיר אידען?
אַ פאָלק פון גאָר אור־אַלטע צייטען,
אַ פאָלק ניט גרויס אין צאָל,
ווייל דיא פעלקער אַרום אונז
האָבען שטענדיג געוואָלט אונז באַשטרייטען,
אָבער דאָס געלונגען האָט זייא קיין מאָל,
און אויך נאָך היינט.
שטענדיג פאַרטיליגען אונז האָבען זייא געוואָלט
און מיר אידען, כאָטש קליין אין צאָל,
מיט דיא השגחה [1] פון באַשעפער,
האָבען מיר דעם גאַנג פון ווילען פון דאָ־זיין —
און אימער פון שטענדיג מיט העלדען מוטה,
וויא אויך דעם ווילען צום לעבען —
מיט דיא טרייהייט פון ברודער צוא ברודער,
דעם פאָדעם פון גאַנצקייט כסדר געשפונען.
און אַלע, אַלע צוזאַמען אויף צוא להכעיס
דעם שונא אַזויא מעכטיג געקעמפט.
אין יעדען דור, האָט דער שונא מיט אַנדערע וועגען
אונזער קיום באַדראָהט.
אָבער מיר, אידען, האָבען ניט פאַרצווייפעלט
ווייל מיר פאַרמאָגען אמונה אין דעם אייביגען ג־ט.

אידישקייט

אַ גאַנגבאַרע סחורה ביז סוף כל הדורות [2]
אַ וואונדערבאַרע מתנה פון באַשעפער אַליין —
געגעבען צוא אונז צוא דעם פאָטער אברהם
דער זוהן פון תרח׳ן [3].
שטענדיג איבערגעגאַנגען בירושה פון זיידען צום טאַטען
און וויטער פון טאַטען צום זוהן.
אַזויא איז דאָס געווען אין דיא אור־אַלטע צייטען,
אָבער מיין דור, דער דור פון הויכע ציוויליזאַציע,
וואו דער זוהן וויל דערגרייכען דעם סוד פון די הימלען,
אין דעם דור מוז דיא געטליכע
להבה [4] פאַרקויפט ווערען דורך פייאיגע פאַרקויפער —
איך מיין דיא יונגע נייע רבנים.
אידישקייט, אַ גאַנגבאַרע סחורה — אַ סך בעלנים.
מען זוכט! מען פאַרלאַנגט! גיב אונז דיא שיינע מתנה!
דורך פערשידענע מיטלען, און פערשידענע דיבורים
טוט יעדער פאַרקויפער צוא זיינע נייגעריגע
קונים, פאַרקויפען די געטליכע אַנטפלעקונג פון דיא אור־
אַלטע צייטען — זיינע באַגערער און פאַרלאַנגער. דיא אַזויא
וואונדערבאַרע, הערליכע, פאַרן ערדישען לעבען,
דיא אַזויא נייטיגע תורה פון משה׳ן צוא זיינע מענשען־ברידער
איבערגעגעבען. מיט געלונגענע און פייאיגע
ווערטער, זוכט יעדערער, דעם סוד פון תרי״ג מצוות [5] איבערצוגעבען.

Dec. 25, '66

בע״ה יום א׳ פ׳ שמות, תשכ״ז

אַ דערמאָנונג

און דאָס איז די נאַכט
וואָס מיט 4 יאָהר צוריק
האָבען טרויעריג מעכטיג די ווינטען געבלאָזען
און מיד געוועזען איז די האַרץ און שווער דער געמיטה.
און אַזוי בין איך אַנטשלאָפען געוואָרען,
אָבער יעצט, היינט, אין 4 יאָהר אַרום
איז דער בייזער געראַנגעל
פון ווינט און שנייא
פון מערב צוא מזרח און פון דרום צוא צפון
ווידער איבערן האָריזאָנט זיך געשלענגעלט
און מענש און נאַטור וויא פאַר׳כישופ׳ט
צוזאַמען —
האָבען מיין האַרץ געוועקט
און עפּעס געמורמעלט
האָט אַ פאַרשלייערטע צוקונפט
פול סודות׳דיג פאַר׳ן להבה[4]
אין מיינע אויערען געקלונגען:
ניט זאָרג, און ניט זוך,
דוא קליינע באַשעפעניס —
די הייליגע סודות פון באַשעפער
וועלען זיך צוא דיר קיין מאָל ניט אַנטפּלעקען.
דוא בלייבסט ניט פאַרשטאַנען.
ניט פאַר דיר, מענש, איז דאָס צוא וויסען,
נעם צוא וואָס מען גיט דיר
דאָס ביסעלע פּיינע, דאָס ביסעלע גוטע
לעדן, און פאַרשטייא פון דעם צוא געניסען.

Dec. 26, '66 ב״ה יום ב׳ פ׳ שמות, י״ג טבת תשכ״ז

גלייכגילטיג אָדער אונרוהיגקייט!

דער גלייכגילטיגער איז רוהיג און פּאַסיוו,
אַלץ ווערט גענומען וויא עס קומט.
רוהיג אויסגערעכנט צום אייגענעם באַקוועם,
לעבליך צום צווייטען — אַזויא דאַרף דאָס זיין.
עס לוינט ניט — אָדער מען דאַרף ניט —
דער לעבען איז קורץ.

עס ווילט זיך פאַרכאַפּען דעם גאַנצען פאַרנעם
ווייל דער ציל פון דאָ־זיין
מיינט מאַכען זיך באַקוועם.
און אַלץ גייט כשורה און אַלץ גייט גלאַט
ווייל ניט לאַנג איז דער לעבען
און אַזויא בלייבט מען זאַט.
אָבער דער אונרוהיגער וויל זיך ניט דערלויבען דאָס אַלץ.
אים רופט, אים מאָנט —
אַ טיפער פאַרבאָרגענער פאַרלאַנג
צוא העלפען, צו מאַכען דעם צווייטען באַקוועם.
ווייל אָהן דעם איז זיין לעבען אָהן אַ פאַרנעם.
אָה, ווי געפינט מען דעם וועג
אַז איינער דעם צווייטען זאָל אַ ביסעל פאַרשטיין?
ווייל פאַרשידען זיינען זייערע וועגען
און יעדער איינער דיינקט אַז נור ער איז גערעכט.
אָבער וויא קומט מען צום מיטעל־וועג
צווישען איינעם און צווייטען?
אַז גערעכט בין איך!
און ווער וויל זיך בייטען?

Greylock Hall, 3 o'clock midnight (A Satire)

אין אָנדיינק אָדער צום אָנדיינק

מיינע אויגען זיינען מיט טרערען פאַרגאָסען
און דיא האַרץ וויל עפעס מיט'ן פעדער אויסזינגען
דעם געראַנגעל פון פיין און ליידען,
ווייל נאָך אַ לעבען פון 50 יאָהר אין שלימות
מוסטוא, קענסטוא דיין קאַמף ניט פאַרלירען
און מיט מיהע און מיט מוטה
אויף דיין בעטעל, וואָס נאַר דאָס איז דיינע —
וואו דוא ווערסט ניט פאַרשטאַנען —
ווילסטוא דיין גלאָררייכע פאַרגאַנגענהייט באַהאַלטען.
ווער ווייס, און ווער וויל וויסען
דיא וועגען פון דעם צדיק,
וואָס איז פאַר פילע פאַרבאָרגען און באַהאַלטען?
קען איך דען דאָס, מיט מיין ווייניגקייט אַנטפלעקען?
נור דיא וועלטעל איז אייביג
און צייטן טוען זיך בייטען,
אָבער דער מעכטיגער וואָרט, אמת,
וואָס ליגט ערגיץ אין אַ ווינקעל באַגראָבען
איז, אין מיין דור, עלענד און צובראָכען.
אָבער זייא ניט פאַרצווייפעלט —
נור אַ קליין ביסעלע אמונה
און דיא געטליכע נבואה פון באחרית הימים [6]
וועט גלאָררייך און הערליך זיכער קומען.

ב"ה ערב שבת פ' שמות, י"ז טבת Dec. 30, '66

איינדרוקען פון אַ שלאָפלאָזער נאַכט

עס איז שוין כמעט צווישען נאַכט און טאָג.
שטיל, אַזויא געמיטליך שטיל.
אַלץ אַרום דיר איז אַזויא סודות'דיג פאַרשלייערט —
עס איז רוהיג — און גוט דער געמיטה.
דער געפיל, אַז אין דער גרויסער וועלט
פון דיא געטליכע יצירה
בינסטו דאָס קליינינקע פינטעלע,
אַ חלק פון דעם —
און אַז דוא ווילסט, האָב נור דעם פאַרלאַנג,
נעם זיך אָהן מיט דעם באַגער,
און דער קליינער פינטעלע
קען אין אַ שטאַרקען כוח פאַרוואַנדעלט ווערען —
אַ כוח פון ווילען און פאַרנעם
און מדרגות, לאַנגזאַם, אָבער ווירדיגע, דערגרייכען.
הויב אויף דיינע אויגען! און טאַקע גלייך אַרום דיר,
וואו אַלץ זעהט אוס אַזויא נישטיג,
קענסטו דען פאַרשטיין און באַגרייפען —
אַז טאַקע, אָט דאָ,
זיינען הייליגע אוצרות פאַראַנען?
צוא טאָן, צוא העלפען,
ווען הילף איז נייטיג.

אָבער דו, מענש
איז דיין, נאָר דיין, הייליגער באַגער —
דיין גוטער ווילען,
נור אַ פונק פון מיטנאַכטיגע באַגערען? — —
אַז דער טומעל פון שפעטער
וועט דאָס אַלץ פאַרשלינגען
און דער טאָג־טעגליכער געראַנגעל
וועט דאָס אַלץ פאַרווישען?

דאַן בלייבט שטום דיין וואָרט
און נישטיג דיין געמיטה
און מיט אָרימקייט און פוסטקייט
וועט אַזאַ וויכטיגע פאַסירונג
אַ טאָג, אַ טאָג
אַ גרויסער חלק פון דיין דאַ־זיין
וועט בלייבען נישטיג און פאַרגעסען.

Greylock Hall, 5 o'clock midnight

Feb. 2, '67 ב"ה יום ה' פ' שופטים

צדקה אָדער CHARITY

איז ר' מאיר געווען אַ גאַסט?
ניין, מיין פריינד, ניט קיין גאַסט איז ער געווען —
דערפאַר האָט ער זיין באַזוך ניט געדאַרפט באַשטעלען.
דער באַגריף פון צדקה, וואָס מיינט גערעכטיגקייט,
איז שטענדיג פאַר איהם געווען געגרייט מיט בריינגען.
אפשר, דעם באַגריף, אַז זיין קומען בריינגט גליק.

דוא בינסט דאָך, בן־אדם, נור בשר ודם —
דארום טראַכטסטוא טאַקע שטענדיג,
אפילו אונבאַוואוסטזיניג, וואָס עס איז גוט פאַר דיר.
אָבער דורך charity ווערסטו נאָך ערגער פאַרשלעפּט.
דאָס מיינט, זעה, איך בין גוט!
איך בין פיינער פאַר דיר —
דוא האָסט ניט דעם מוטה!
אָבערביידע זיינען נייטיג,
חאָטש זייערע וועגען זיינען פאַרשידען.
ווייל אָהן דעם איז גאָרנישט.
עס בלייבט צוא פוסט דער לעבען.

נעשה ונשמע[7] — איז אַן אור־אַלטער כלל געבאָט,
ווייל פון טאָן ווערט געשאַפען
אָבער אין הערען קען ווערען פאַרגעסען!

Greylock Hall, 2 o'clock midnight

Purim, March '67 ב״ה שושן פורים תשכ״ז

געדאַנקען פון אַ פריילּיכען פורים

תנו לי רב [8] (צו איינעם וואָס האָט ספקות)

זוך מיין קינד, זוך
איך פאַרשטייא דוא דאַרפסט דאָס האָבען
און אויב ניט אין דעם דור
וועט זיין באחרית הימים [9].
אַזויא האָט מען אונז צוגעזאָגט
פון די גאָר אור־אַלטע צייטען.
אָבער שטעל זיך אָפּ, דוא מענשען־קינד,
כאָטש אויף איין מינוט,
זוך בייא זיך און זוך בייא דיין קינד,
פאַרנעם און באַטראַכט דעם גלויבען.
פאָלגסט נאָך דיינע מעשים און דיין טיפער באַגער
כל־זמן דוא בינסט יונג. דאַן
זייא גובר דיא גבורה פון שטאַרקייט.
און מיט אַ ביסעלע חשבון־הנפש
דאַן קענסטוא פאַרפילען דיין באַגער
אין זיך, און מיט זיך אַליין,
אין האַרמאָני מיט דיין באַשערטער־עוזרת
און די פרוכט
פון באַשעפער, וואָס איז צוא דיר געשאָנקען
פאַר גוטע מחשבות, און אפשר, מעשים טובים

גייא אָן, מיין פריינד, און האָב בטחון —
דאָס וועט זיין דיין ברכה
צוא אַלע מיינע נאָהענטע און טייערע
ניט קיין וואונש, נור גלויבען און
בטחון אין אַ בעסערען מאָרגען.

May 4, '67 ב״ה יום ה׳, כ״ד ניסן, ט׳ בעומר תשכ״ז

אַ דאַנק און אַ בקשה

אַלמעכטיגער באַשעפער,
איך קום דיר צוא באַדאַנקען
פאַר דיין גרויסער מתנה
פאַר אַ מתנה דאַרף מען באַדאַנקען
צוא ווערט זיין צוא אַ מתנה דאַרף מען אויך האָבען אַ זכות,
אָבער דוא מענשען־קינד
חאָטש באַשאַפען און געבאָרען בצלם אלקים°
איז דאָך נור בשר ודם

דאַרום קען איך מיינע מענשליכע שוואַכקייטען ניט באַשטרייטען
און האַלט איין איין פאַרלאַנגען
געזונד מיט פרנסה און נחת פון די קינדער.
זיינען נור דאַס מיינע פאַרלאַנגען?
רוים און פאַרשטענדעניש
פון איינעם צום צווייטען
זיינען אויך פון די וויכטיגקייטען
וואָס מיין הארץ טוט לעכצען, באַגערען.
פאַר מיר איז דאָס וויכטיג
וויא ברויט און וויא וואַסער,
ווייל אָהן דעם איז דיא שיינע מתנה
פון לאַנגע יאָהרען
אַ לאַסט פאַר דיר און פאַר דיינע
און שווערער פון אַלעס איז דאָס גלייכגילטיגקייט,
צוא זיין פאַסיוו צוא אַלץ וואָס איז וויכטיג
און שטום און טויב בלייבט דיין געמיט.

Greylock Hall

נעם צוא מיין געבעט

נעם צוא מיין געבעט, הייליגער באַשעפער,
דוא אַליין האָסט געגעבען דעם געבאָט:
להבחין בין יום ובין לילה[10].
און יעדער פון זייא האָט גלייכע טיילען,
די שעה'ן זיינען 24,
און דוא האָסט ניט איינגעטיילט
פאַר דיא גרויסע ליכטיקייט
ניט מער וויא פאַר דיא קליינע.

אָבער פאַר מיר, און אפשר נור פאַר מיר,
איז דער טאָג צוא קורץ,
און דיא נאַכט צוא לאַנג!
איך האָב ניט קיין טענות,
און איך וויל זיך, חלילה, ניט באַקלאָגען.
ווייל ווער בין איך,
און וואָס איז מיין ווירדע,
און וואָס מיינט דאָס ביסעל ליידען
אין אַ טאָג ווי כ״ז ניסן[11]?
צווישען פיין און ליידען
איז אַ גאָר גרויסער מהלך!
טאַקע צרת רבים חצי נחמה[2] —
אַ טרייסט וואָרט וואָס איז לייכט צו זאָגען.
אָבער מיינע כוחות זיינען צוא שוואַכע,
און דאַריבער לאָז איך אַלץ צוא דער השגחה.

May, '67 — ב"ה י"ד אייר תשכ"ז

דער בלום וואָס האָט אויפגעבליהט צוא שפּעט

יאָ, איך פיל איך בין געקומען אַ ביסעל שפּעט,
אָבער אַז איך בין דאָ, ווילט זיך מיר לעבען,
און לעבען מיינט פונקציאָנירען,
האָבען הנאה פון זיך, און אַנדערע פון מיר.
בליהען, שמעקען, באַשיינען און ווירקען —
זיך ווייזען: איר זעהט! איך בין דאָ!
נאָך אַ ביסעל מיט אַן אויסנאַם!
ווייל אויב שפּעט, בין איך דאָך כמעט איינע —
טאָ קומט און קוקט מיר אָן —
און געניסט אַ ביסעלע פון מיין אויסזעהן,
פון מיינע שמעקענדיגע ריחות, מיינע דופטען,
ווייל ניט לאַנג וועט דויערען מיין דאָ־זיין...
איך פיל און איך ווייס עס קומט דער אָסיען,
מיט זיינע גרויע טעג און קאַלטע ווינטען,
און שוואַך בין איך, און געמיין זיינען מיינע כוחות,
און איך וועל פאַרוועלקען. יאָ, יאָ, פאַרוועלקען און פאַרשווינדען.

Greylock Hall

און מיט מיין דור

און מיט מיין דור וועט זיך דאָס אַלץ ענדיגען?
עס טוט וועה — באמת טוט עס וועה!
זאָל איך אויסשרייען מיט וועהטאָג?
אָדער זאָל איך שווייגען?
פאַר וואָס? פאַר וואָס?
בין איך טאַקע שולדיג אין דעם,
אָדער אַזויא דאַרף דאָס געהן:
קינדער, אייניקלאַך און אור־אייניקלאַך —
ווער וועט וויסען און ווער וועט געדיינקען?
וואָס דיא ערד פאַרדעקט
מוז פאַרגעסען ווערען —
אַזויא זאָגט אַ פאָלקס־ווערטעל,
אָבער נור איצט, נור אין מיין דור.

עס האָבען דאָך ביז יעצט
זיך געצויגען פון דיא גאָר אור־אַלטע דורות
מיט עהרע און רעספעקט צוא אונזערע גרויסע
הייליג־גייסטיגע ירושה;
טייער און הויך געהאַלטען און טייער געשעצט
דעם זאָג, דעם באַפעל פון ג־ט׳ס געבאָט,
דעם פאַרזאָג און די שטראָף־רייד פון די נביאים,
דיא חכמה פון דיא אבות;
דיא געטרייקייט און גוטמוטיקייט פון טאַטע־מאַמע,
דער ווייטער בליק פון באחרית הימים[6]
האָבען געטרייסט, און וויא אַ פרילינג־ווינט,
געהיילט אפילו שווערע וואונדען.

אָבער אין מיין דור פון „הויכער ציוויליזאַציע״
וועט אַלץ פאַרשוואונדען ווערען?

May 30, '67 ב״ה יום ג׳ פ׳ במדבר

הערט, מיינע טייערע

אַ פּראָבלעם פון צוריק פאָהרען!
ווען איינער ווערט אַ פּראָבלעם, איז ער זעהר אָפט
אַ פּראָבלעם.
ניט נאָר צוריק פאָהרענדיג, נור אויך אַ ביסעלע אַהין פאָהרענדיג.
יאָ, אַ פּראָבלעם איז שטענדיג אַ פּראָבלעם.
בכל יום, בכל עת, בכל שעה [12].
אָבער מיינע ליבע, דער פאָטער אין הימעל זאָל אייך
העלפען אַז דאָס זאָל נור זיין אייער איינציגער „טראָבעל״.
פּראָבלעמען זיינען אַזויא ווי מענשען — פאַראַן פאַרשידענע —
גרויסע און קליינע.
הערט, הערט איהר מיינע טייערע, ליבע —
צוריקפאָהרען איז ניט פון די גרעסטע פּראָבלעמען.
ווייל עס וועט דאָך מוזען קומען דער טאָג
ווען מען וועט פאָהרען
אָבער ניט דאַרפען צוריק פאָהרען.

זייט מיר מוחל, דאָס זיינען פון די טעג
ווען מען שטעהט אויף אויף דער לינקער זייט.

טייערער פּאָטער

טייערער פּאָטער, גוטער גערעכטיגער טאַטע,
וואָס האָב איך געהערט? יאָ, איך האָב געהערט!
עס ווילט זיך מיר ניט גלויבען,
אונזערע הייליגע זין, אונזערע כשר׳ע אידישע
טעכטער, זייער בלוט איז הייליג און טייער,
דער שונא ער שטאַרקט זיך און גרילצט —
ער וואויעט און פילדערט וועגען זיינע שלעכטע מחשבות,
ער טאַנצט דעם אונהייליגען טאַנץ.
מיט אַ וואונש, אַ טייוועלשער,
אַ וואונש פון מאַכט און באַהערשונג,
האָט זיך אָנגעקליידט, דער שונא פון דער גאַנצער מענשהייט.
חאָטש איך בין אַ אידישע טאָכטער,
אָבער מיין הארץ וועהטאָגט און פייניגט —
וועהטאָגט פאַר יעדען, פאַר טאַטעס און מאַמעס,
ווייבער און אונשולדיגע קליינע קינדער
וועלכע וועלען נאָך שפּעטער, שפּעטער
זעהען זייערע פאַרקריפּעלטע טאַטעס
טאַטעס אָהן פיס און אָהן הענד.
בלייבען פאַרקריפּעלט, פאַרקריפּעלט אויף שטענדיג.
דעם טעם פון זיין אלמנות און יתומים.
אָבער שטאָלצע, ניט פאַרשעמטע.
זיגער מיט שטאָלץ, מיט מוטה,
מיט קעפּ געהויבענע!

אִין אַזאַ ניט באַלאַנסירטען גערעַנגעל
אַזוי וויא בימי מתתיהו [13]
אָדער אין די צייטען פון יהודה המכבי
„וטמאים ביד טהורים" [14]
איז מיין געבעט אויך איצטער —
רחמים — רחמים בחנם [15].

אָבער מיין בליק איז געווענדעט
צוא דיא זון פון מזרח.
איך קען נאָך פילען דעם דופט פון פרילינג,
דיא וואונדערבאַרע ג־טליכע יצירה
מיט מענשליכע בלוט פאַרפלעקט!
רויטע ראָזען און גרינע גראָזען
מיט אונשולדיגע, מענשליכע בלוט באַשפריצט.
בלוט, דם, כי דם היא חיים!
וואָס פאַר איין פאַרגאָסענעם טראָפּען
זיינען אפילו זקנים מחויב אָפּגעבען אַ דין־וחשבון.
טאַ, גוטער פאָטער, הייליגער באַשיצער,
רבון רבונו [16],
און וויא אַ געטרייער טאַטע
ווען נייטיג, הייל,
באַשיץ, פאַרגעב, אָבער ווען עס איז נייטיג
פאַרגעב, אָבער ווען נייטיג, הייל. —

ב״ה מאָנטקלער, יוני 20, 1967

מען לויפט

מען לויפט, מען לויפט, אָבער ניט מען אַנטלויפט.
אין מיין דור, ווען איך בין נאָך גאַנץ יונג געווען
האָט מען שוין אָנגעהויבען צו לויפען.
מען איז אַנטלאָפען ניט וויסענדיג וואוהין און פאַרוואָס,
מען איז אַנטלאָפען פון אַ זיכערען טויט,
זיך באַהאַלטען, זיך פאַרשטעקען אין וואַלד און פעלד.
געלאָפען נאָך הילף צו פרעמדע —
אַמאָל־אַמאָל פאַר געלט, און אַמאָל טאַקע אַ מענש מיט האַרץ —
אָבער געראַטעוועט זיך פון אַ זיכערען טויט,

טאַטע און מאַמע, קינדער און קינד׳ס קינדער
ניט אַלע צוזאַמען — זייא געזונט אויף שטענדיג,
מיין ליב קינד, מיין עופ׳עלע, מיין עופ׳עלע,
איך וויל נאָך אויך לעבען... אָבער דוא, מיין קינד
דוא דאַרפסט לעבען, אויב שוין יאָ געבאָרען,
פאַרוואָס ניט לעבען?
אפשר וועט נאָך דיין דור אויספילן
די הייליגע נבואה פון באחרית הימים [6]?

אָבער גרויסע געשעהענישען קומען מיט פלאַמען!
דערפאַר טאַקע, אפשר נאָך אין מיין דור.
לויפט מען טאַקע, מען לויפט! איר קעהרט, מיינע טייערע,
צוא דיא פלאַמען, דיא פלאַמען וואָס וואַרימען,
ניט, חלילה, פלאַמען וואָס פאַרברענען אָדער פאַרניכטען,
נור וואַרימען, טרייסטען און פאַרשפרעכען,
פאַרשפרעכען אַ שיינעם ליכט נאָכן מאָרגען
פאַר מיר, און פאַר דיר
און פאַר דער גאַנצער ג־טליכער יצירה.

ב״ה

THE FIRST DAY OF SUMMER

אַ גוטען מאָרגען, מיינע טייערע,
די זון איז הויך. זיא איז נאָך יונג, מילד און וואַרימט.
מירווילט זיך וויינען
און דאָס איז טאַקע דיא לעצטע זאַך, דיין האַרץ אויסצוגיסען,
פאַרוואָס איז מיין האַרץ אַזויא שווער היינט?
אַלץ דוכט זיך אַרום מיר אַזויא פיין, פערפעקט,
טאָ וואָס פעלט?
פרעגט, מיינע טייערע, וואָס עס פעלט.
עס פעלט דער עיקר.
יאָ, מיינע ליעבע, איהר ווייסט ניט וואָס דאָס איז?
דאָס איז אַ ביסעלע וואַרימקייט —
אַ שמייכעל אויף די ליפען.
איך מיין, אַ שמייכעל פון אַ נאָהענטען, פון אַן אייגענעם.
וואָס הערשט דאָ אַזאַ קעלט? מיין האַרץ ווערט ממש פאַרפראָרען.

ניטאָ קיין איינציגקייט, אַלע אַזויא צוברעקעלט
מאַמע, קינדער, ברידער און שוועסטער.
שוין 4 יאָהר וויא איך זוך.
איז, טאַקע שוין אַלץ פאַרלאָרען?

מיינע טעירע, מיט איין וואַרימען קוק,
מיט אַ שמייכעל אַ וואַרימען אויף אייערע ליפען
קען מיין פאַרפראָרענע האַרץ זיך אַ ביסעל צעוואַרימען,
מיין גייסט וואָלט זיך ווידער אַנטפלעקט צוא מיר.
קען איך האָבען נאָך עפּעס צוא געפינען אין מיינע
געציילטע, קומענדיגע טעג?

צוא איהר אָנדיינק —
נעלי גלעזעל ע״ה

אָט האָט זיא נאָך נעכטען געלאַכט —
דאָך געשוועבט צווישען לעבען און טויט —

אַזויא לוסטיג, אַזויא מונטער.
איהר גאַנצער וועזען האָט נאָך לעבען געגלוסט.

צוא איהרע קליינע 2 קינדער
האָט זיא אַ שטילע תפילה געשעפּצעט:
ווער וועט אייך צערטלען
מיט מאַמעשען ציטער?
ווער וועט אייך פאַרוויגען
אין אייערע שלאָפלאָזע נעכט?
פול מיט געבעט און ציטער
אַ שווערע טראַגעדיע,
דער יונגער קרבן פון אַ פּאַטאַלאָגישען פעלער
צום גרויסען הייליגען באַשעפער
האָט דיא נשמה פון אַ מאַמע
שטיל וויינענדיג געמורמעלט
מיט ליפען בלויא און פאַרציטערט
מיט אויגען וואָס וועלען זיך באַלד פאַרלעשען
האָט איהר מאַמע׳שער בליק
געוואָלט, נאָך האָטש איין מאָל אַ קוק טאָן אויף איין רגע
ווען דיא פרוכט פון איהר מוטער־לייב
בלייבט עלענד אַליין.

איך שטאַרב! פאַר׳יתומ׳ט אויף שטענדיג
וועלען מיינע 2 קינדערלעך זיין!

ב״ה פ׳ קרח תשכ״ז

איינדרוקען פון מיטנאַכטיגע געדאַנקען

ווער בין איך?
איך פיל איך בין רגש [17]
וואָס שוועבט אין דער לופטען.
איך געהער ניט דאָ, ניט דאָרטען,

פיל פייעריגע געדאַנקען
געשליינגעלט מיט מענשליכען באַגער.
עס קלאַפּען אין מוח דער עבר [18] און להבא [19]
ווייל אין דעם הווה [20] איז גאָר ניטאָ.
דיא פאַרבאָרגענע דרכים פון מענשליכען
געראַנגעל, נאָך פון ימי בראשית [21]
וואָס דאָס איז דער אָנפאַנג פון דער גאַנצער יצירה
קען איך דאָך אויך, מסתמא, זיין אַ קליינער טייל פון דעם.
אָבער עפּעס גייט ניט,

איך פּאַס ניט, ניט דאָ, און ניט דאָרט.
שטענדיג בין איך פעליג, ניטאָ קיין שלימות,
איך שוועב אין דער לופטען
וויא אַ געשטאַלט פון אַ פאַרבלאָנדזשעטע.

טיפע געפילען און הויכע פאַרלאַנגען
וועלכע מיין גאַנצער וועזען גלוסט —
און דורשטיג, דורשטיג נאָך עפּעס
וואָס מען קען ניט געפינען — ניט דאָ, און ניט דאָרט.
דיא וועלט איז אַ שיינע, אַ ליכטיגע, אַ קלאָרע
פול מיט הימלישען גייסט,
אָבער מיר, דאָ, די מענשען־קינדער
אַלע, אַלע וויא איינער, הילפלאָז
ווילע קליינע, וועלטישע באַגערען
לאָזען אונז צוא ווייט ניט פאַהרען...

שבת קודש אָדער לכבוד שבת

שבת קודש דער הייליגסטער טאָג,
דער טאָג פון מנוחת הנפש און מנוחת הגוף [23],
פאַר קליין און פאַר גרויס דיא שכינה באַווייזט זיך.
זיא באַגלייט יעדען איינעם און באַשיינט זיין טיש.
שבת, אַ געבענטשטער
פאַר מדרגות גאָר הויכע צו דערגרייכען,

לכבוד שבת איז אויך אַ זאַך —
מען גרייט זיך, מען ריכט זיך,
מען באַקט און מען קאָכט.
קינדערלעך קליינינקע, קינדערלעך זיסינקע,
מען פוצט זייא, מען קאַמט זייא פאַרן הייליגען טאָג ;
מען לויפט, מען פילדערט מיט הייליגער ערוואַרטונג
צום שיינעם גאַסט מקבל פנים זיין.
און דער גאַנצער ווען אָטעמט
מיט דיא אַראָמאַ, דיא דופטען פון ערהויבענעם גאַסט
שבת מלכתא [24], דעם קיום פאַר דער גאַנצער וואָך
און אַז ברוך הוא האָט געהייליגט
מיט אַ באַפעל אויף דיא דורות —
עד סוף כל העולם [9].

זייא פריילעך, דוא מענש,
אָט קומט דער שבת שוין אָן
און גייט אַ ריקוד'ל, און טאַנצט אַלע אין קאָן !
גוט שבת, גוט שבט, דוא טייערער איד !
דאָס איז פאַר דיר אַ געשיינק פון באַשעפער אַליין
און אַלע, ווי איינער אין קאָן אַריין !

מנוחת הנפש — מנוחת הגוף [23]

זיינען, דיאביידע, ניט איינס און דיא זעלבע?
ווייל צושיידען קען מען זיי ניט.
ווייל מיר ווייסען, — „אין קמח, אין תורה" [25].

דער נפש, דיא הייליגע און וויכטיגע פון דעם בן־אָדם,
ווייל אָן דעם האָט דאָך דאָס גאָרניט קיין זין.
דער דאָ־זיין איז דאָך אַ קורצער.
אַזויא איז דער געבאָט, און אַזויא מוז דאָס זיין.
אם בגבורות [26], איז אַכציג,
אָבער דיא אייביגקייט איז אייביג
און גייט איבער פון דור צוא דור.
„דור הולך ודור בא" [27]. וויא קען עס דען אַנדערש זיין?
אַ מענש, בין איך זיכער,
אַז נפש איז דער זין פון „יש"
און די ד' אותיות דערמאָנט דעם „שם" [28].
זייא זיינען דיא וויכטיגסטע פון דעם גאַנצען זין,

אָבער נייטיג זיינען ביידע. צוא דיר, פאָטער
איז אונזער בקשה:
האַלט זייא צוזאַמען אין האַרמאָני,
דאַן וועט דיא הייליגע תפילה
פון שחרית און ערבית,
דיא תפילה פון יעדען טאָג,
דיא תפילה:
"ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם
למען תזכרו!" [29]
למען תזכרו
שטענדיג יעדען טאָג
טאָקע וויא אַ באַנייאונג —
אַ באַנייאונג פון מעשי בראשית [30]
ווייל בראשית ברייגגט בריאה [31]
און בריאה מיינט אַלץ

אַלץ וואָס מיר זעהען
און אַלץ וואָס מיר זעהען ניט,
ווייל אונזערע כוחות זיינען באַשרייִנקטע,
אָבער מיט מדרגות[32] הויכע און יגיעה[33] אַ סך
קען זיך יעדער מענש איינשאַפען,
דורך פאַרשידענע וועגען —
ווייל דיא בריאה פון בחירה[34]
איז זיין פּריווילעג.
טאָ, גיב אונז ביידע, הייליגער באַשעפער
און אַ דאַנק און אַ לויב פאַר היינטיגען טאָג.

July 20, '67 ב״ה

רוהיג און שטיל

(איינדרוק פון אַ שפּאַציר צווישען בערג, הימעל און טאָל)

און עס איז אַזויא רוהיג, שטיל
עס איז מיר אומעטיג גוט

דיא וועגען דיא זעלבע וויא אַמאָל
און איך גייא זיך מיר רוהיג, געמיטליך אַליין.
און פאַרוואָס בין איך אַליין?
און וואו איז ער, ער מיין שטענדיגער באַגלייטער?
איז ער ווייט פון מיר? אַ ניין!
באַהענט, זייער באַהענט, נעהענטער ווי שטענדיג.
ער היט מיר, ער מיהט זיך פאַר מיר.
אויב ניט ער, וואָלט מיין וועג געווען שווערער נאָך.

יאָ, עס איז מיר אומעטיג גוט...
און גוט איז מיר ווייל איך האָב אַ פאָטער,
אַ פאָטער פאַר דיא אַלע וואָס זיינען וויא איך —
אַליין, אַליין אויף דער גאַנצער וועלט.

צווישען דיא הערליכע הייליגע יצירה
דיא גרויסע ווילדע בוימער,
די אונענדליכע פעלדער מיט גראָזען באַדעקט
זייא זיינען די אוצרות פון דיא אונענדליכקייט
פון שטאַרקען מעכטיגען באַשעפער
וואָס באַזאָרגט אַלץ. אַלץ אַזויא רייך און הערליך
ממש בעצויבערענד, וואונדערבאַר שיין!
אַט ווילט זיך וויינען, וויינען פון פרייד,
אַלץ אַרום מיר איז העכער וויא הויך
און ברייטער ווי ברייט, שענער וויא שיין,

אָבער מיר! מיר איז אומעטיג גוט...

Mountaindale, Sun Ray House

אָט זיץ איך אין מיין געצעלטל

אָט זיץ איך אַליין אין מיין געצעלטעל
אַליין מיט מיין שווערען געמיטה
עפּעס אַ ווינטעל פון ערגיץ, פון ווייטען
פון דיא הויכעניסען פון דיא בערג —
אַ ווינטעל וואָס טוליעט מיט אַ רוהיגקייט,
געשיקט איז ער צוא מיר און צוא דיר,
צוא אונז אַלעמען, צו אַלעמען ווער עס פאַרלאַנגען
נור אַ ביסעל מנוחה, וואָס מורמלען שטיל, שטיל
זייער געבעט צום באַשעפער.
שיק דיין דערלייזונג צוא דיא פאַרצווייפעלטע —
פאַרצווייפעלטע פון פאַרטומלונג,
דיא שרעקליכע פאַרטומלונג פון דעם גרויסער ווירוואַר.

אַ וועלט אַ שיינע, אַ ליכטיגע, אַ הערליכע
וואָס איז ניט פאַר׳ן בן־אָדם צוא באַגרייפען.
אַ מתנה פון אַלמעכטיגען צוא זיין ליבלינג
וועלכער איז זוכה צו האָבען דיא ברירה
צווישען גוט און שלעכט,
צווישען ריין און אומריין.
אַ ביסעל צוא באַגרייפען דיא וואונדער,
דיא וואונדער פון דער יצירה
וואָס איז העכער וויא מענשליך
געגעבען פון טאַטען, דעם דיין אלמנות און אבי יתומים [35].
נעם צוא מיין שבת מיט מיין שטומען לשון
באַשיץ, און הייל! וויא שטענדיג, וויא אימער!

July 28, '67 Mountaindale, N. Y.

דער גורל פון אַן איינצעלנעם מענשען

דאָ, איז די בעטעל, אַ שמאָלינקע, האָסטוא אָבער
גענוג רוהם אַרום דיר!
דוא קענסט גיין וואו דוא ווילסט, קענסט טאָן וואָס דוא ווילסט
ליכט און פרייהייט פון באַוועגונג.
אָבער דער עלענדער מענש פילט זיך שטענדיג ניט באַקוועם.
ער זוכט צוא לויפען — אַנטלויפען פון זיך, פון זיין אייגענעם שאָטען.
דוא קענסט ניט פאַרשטיין אַז ניט דיא בעטעל איז צוא אַ שמאָלע.
איז וואָס פלאָגט דיר און נאָגט דיין טרויעריג געמיטה?
עס קומט אָן אין דיר דיין איינזאַמקייט, דיין אַליין זיין
דאָס וועט ניט פאַרבעסערען דיינע וואונדען, דיין פיין,

און אָט האָסטו שוין אַ בעט אַ ברייטע
מיט צוויי פענצטער פון דרום און צפון
און אַ ברייטע וועג, וואָס פירט אַלעמען וועמענ׳ס האַרץ נור גלוסט
צוא מזרח, מערב, צוא דרום און צפון.
ב״ה [36] אַ געפילדער פון קינדערלעך יונג און פריש
מיט זייער רירעוודיגקייט און קינדערשען געלעכטער
און עסען צוא זאַט, גרייט פאַר דיר שטענדיג.
נור ערגיץ, אין דער טיפעניש, אין דער טיפעניש פון דיין נשמה
אַ חלל [37] אַ פוסטער וואָס רופט און מאָנט
און קיינער ווייס ניט און קיינער דערקענט ניט
וואָס עס ווילט זיך דיר באַהאַלטען
דיין צובראָכען געמיטה.

מיט אַ געפיל פון אונזיכערקייט בינסטוא שטענדיג באַהערשט,
דוא אַנטלויפסט פון דעם רחמנות,
רחמנות צו אַן עלענדען איז דאָך פון דיא גרויסע מצוות
און מצוות זיינען נייטיג, נייטיג פאַר יעדען,
נייטיג צוא באַלאַנסירען דעם טאָג־טעגליכען פאַרברעך,
ווייל מיט מצוות, אַפילו קליינע, קענען אונרעכטען,
אונרעכטען ניט באַוואוסטע, ניט ווילענדיג,
אויפ׳ן וואָג־שאָל פון אמת, אמת און צדק פאַרגעבען,
ווייל מצוה גוררת מצוה [38], און אונרעכט בריינגט אונרעכט.

מיטנאַכטיגע געדאַנקען

מיט נאַכטיגע געדאַנקען
פאַרוואָס קען איך ניט שלאָפען?
איך קען ניט שלאָפען ווייל איך האָב צופיל פאַרלאָרען.
האָב איך דען באמת פאַרלאָרען?
איך בין דאָך דאָ — אָט ליג איך אויף מיין בעט,
אַ בעט אַ ברייטע, אַ באַקוועמע;
דיא נאַכט איז שטיל, סודות׳דיג שטיל:
אָט ליגען דיא הייליגע ספרים,
ספרים פון טיפע געדאַנקען,
זייא זיינען צוא מיר אַזויא נאָהענט —
מיינע אַלטע באַקאַנטע פריינד.
וואָס האָסטוא געזאָגט? פריינד?

זייא זיינען דיא עדות פון מיין גאַנצער פאַרגאַנגענהייט,
אַ פאַרגאַנגענהייט פון אַ לעבען,
פון לאַנגע יאָהרען צוזאַמען.
זייא קוקען אויף מיר, די ספרים,
איך קוק אויף אויף זייא;
רעדען זייא צוא מיר מיט אַ שפּראַך אַ פאַרבאָרעגענע.
מיין האַרץ לעכצט און ביינקט
נאָך יענע שיינע גליקליכע יאָהרען.

איך פרעג צוא זיך: האָב איך אַ חלק אין דעם,
אין דער הייליגער, ליכטיגער ירושה
וואָס געהערט צוא אַלעמען? אַ ירושה ניט נאָר פאַר קינדער,
פאַר מיין פאָלק, און פאַר אַלע וואָס ווילען דאָס האָבען.

געבענשט אויף אייביג, אויף שטענדיג, וועלען בלייבען די הענט
וואָס האָבען דיא ספרים געשאַפען!

גייא מיין קינד

גייא מיין קינד, ניט שטעל זיך אָפּ —
נייג ניט, ניט רעכטס און ניט לינקס.
דער דרך המלך [39] איז אימער דער ריכטיגער וועג:
מיט מוטה און מיט שטאָלץ.
מיט ווירדע צוא זיך און צום צווייטען,
מיט רוהיגקייט אין האַרצען,
און מיט בטחון צום באַשעפער
מיט אַ פאַרלאַנג צוא העלפען
ווען דיין הילף איז נייטיג.
שטענדיג זייא גרייט פאַר אַ קאַמף אַ גערעכטען,
פאַרבייג ניט דעם אמת אין וועלכען דוא גלויבסט.

שפּין ווייטער דעם פאַדים,
דעם פאַדים פון דיא פאַרגאַנגענע דורות.
זוך ניט בייא אַ צווייטען,
דוא וועסט דאָס ניט געפינען.
ווייל יעדערער פאַר זיך איז גערעכט

און וואו נעמט מען דעם שופט,
דעם שופט פון בסוף כל הדורות [40] ?
יעדער דור מיט זיין פעלער,
יעדער דור מיט זיינע מעלות —
דער לעבען ער גייט און פאַרגייט,

אָבער באַלוינונג, באַלוינונג פאַרדינטע —
נעם צוא דאָס פאַרדינטע — אַ נקי כפים ובר לבב [41]
זאָל דאָס זיין דיין שטאָלץ און דיי ווירדע,

דאַן קענסטו רוהיג שלאָפען
מיט אַ חלום אַ זיסען
אויפ׳ן מאָרגען ערוואַרט.

אין פריא מאָרגען

אָט גייא איך אויפ'ן וועג, איך גייא אַליין,
אין האַרצען דריקט, עס דריקט אַ געוויין.
פאַרוואָס זאָל איינער וויינען ווען מען קען נאָך גיין?
גיין איז דאָך אַ פריווילעגיע געגעבען
פון ג' ברוך־הוא אַליין
און פאַר אַ געשיינק דאַרף מען באַדאַנקען

עס איז דאָך אַזויא לייכט —
אַ וואָרט אַ קורצער אויף אַלע לשונות,
אַ וואָרט פון פיר אותיות —
וואָס זאָגט אַזויא פיל.
אַ וואָרט וואָס ווערט באַנוצט
פון גרויס און פון קליין,
עס גיט פאַרגעניגען פאַר דעם וואָס גיט און וואָס נעמט
ביידע זיינען צופרידען און ביידע ניט פאַרשעמט.

טאָ קוק זיך אַרום, אָט גייט שוין די זון
און עפּעס מיט אַ פרייליכקייט פילט זיך מיין האַרץ אָן,
אַ פרייליכקייט, אַפילו אַן אומעטיגע,
טוט אויך באַלאַנסירען דעם מוטה.
דוא ערוואַרטסט דעם אָנקומען, דעם אָנזאָג
פון אַ באַנייטען טאָג,
אַ טאָג, אַזאַ גרויסער חלק פון דיין דאָ־זיין.

טעג זיינען געציילטע צוא יעדען באַשאַף,
זייא קומען און גייען מיט דעם נאַטירליכען גאַנג
און דוא, מענש, מיט נוטצען נעם צוא דעם געשאַנק.

August 7, '67 ב״ה ר״ח אב תשכ״ז

פאַרוואָס ווין איך אין הלל?

איך ווין אין הלל ווייל איך בעט.
און וואָס בעט איך?
אנא ה׳ הושיעה נא!
אנא ה׳ הצליחה נא[42]!

אוןביידע ביטעס זיינען נייטיג,
נייטיג פאַר יעדען וואָס בעט.
אָבער איך, איך בעט פאַר דיא ערשטע,
זיא איז צוא מיר נאָהענט.
ווען איינער קריגט דאָס,
קריגט שוין דיא צווייטע.

טאָ צוא וואָס צווייא מאָל בעטען?
ווייל אין צווייען איז שטאַרקער,
אַזויא זאָגט אַ פאָלקס־וואָרט.

אָבער פאַר מיר, הייליגער באַשעפער,
מיין ביטע צוא דיר — אנא ה׳ הושיעה נא!
הייל מיין צובראָכענע האַרץ,
אנא ה׳ הושיעה נא — — —

Mountaindale, Sun Ray House

August 10, '67 ב״ה

דיא וואונדערבאַרע עלטערע פרויא

זי זיצט זיך אין איהר אייגען געצעלט
אַזויא געמיטליך און רואיג,
אין איהר לעבען האָט זיא שוין אַלעס באַזאָרגט,
מיט רעספּעקט צום צווייטען און מיט ווירדע צוא זיך
האָט זיך איהר לעבען געשפּונען ניט לייכט,
אָבער זיא, די וואונדערבאַרע פרויא,
האָט קיין מאָל ניט פאַרצווייפעלט,
ווייל מיט בטחון איז געוועזן פול איהר האַרץ,
מיט האָפּענונג פאַר׳ן מאָרגען.

דער מאָרגען וואָס איז פאַר יעדען אַ סוד,
ער דערציילט ניט, און אַנטפּלעקט זיך פאַר קיינעם,
דער מאָרגען איז פאַר יעדען פאַרבאָרגט.

און מיט אַ רוהיגען האַרצען ערוואַרט זיא
דיא אונפאַרמיידליכע שעה.
נור כל זמן עס לאָזט זיך, און כל זמן מען קען נאָך
טוט זי נוטצען נאָך ברייננגען איהר זיין־דאָ.
זיא ראַשט ניט, זי טומעלט ניט,
ווייל אַזויא איז פון באַשאַף און אַזויא איז איהר געמיטה
זיא דאַרף ניט קיין גליקען:
איהר ציל איז צוא העלפען
וויא נאָר מען דאַרף.

איר גוטע נשמה וועט זיך פון איהר אָפּשיידען
מיט אַ ניגון אַ שטילען,
מיט די זיסע טענער
און אַ הייליגע האַרץ.

Mountaindale
This is Mrs. Master again
The day of my departure

ואתחנן![43]

האט ער, משה, אליין געבעטען?

אבער ניין, אזוי א האט געזאגט זיין באשעפער:
פארלאנג ניט און בעט ניט.
פון דעם שטורעמדיגען ים האט מען דיר ארויסגעצויגען.
דיין געשטאלט און פנים איז געווען מונטער און שיין
דיין גאנג אין לעבען.
פון דעם טיפעניש אין דעם שלאנגען־גרוב
צום הויך פון שני לוחות
דיין ווירקונג אויף דער וועלט
האסטוא מיט ווירדע דערגרייכט.
דיין צייט איז פאראיבער,
די אייביגקייט איז ג־טליך,
אבער מענשליך בינסטוא —
דארום, זוך ניט און בעט ניט.

דער וועג פון א פיהרער,
א מנהיג בישראל״,
זיין פריידען, זיין ליידען
איז הערליך און שיין.
געענדיגט דיין אויפגאב
און צוריק מוסטוא גיין!...

August 24, '67 ב"ה

איינדרוקען פון מיטנאַכטיגע שעה'ן

דיא מינאַכטיגע שעה'ן זיינען סודות'דיג צוא מיר,
זייא שעפּטשען מיט שטילקייט אין דיא רוימען
דיא געשעהענישען פון דעם פאַרגאַנגענעם טאָג —
דיא שפּאַנונג און ערוואַרטונג
פון דעם קומענדיגען מאָרגען
וואָס יעדעריגער איז, כמעט, אַ באַשאַף
פון געבאָרען, פון וועלטען נייע
און אַן ענדע פון אַ לעבען פון דאָ־זיין.

אַ לעבען פון ליידען, אַ לעבען פון פריידען
פון טעג און פון נעכט, מיט געשעהעניסען אַ סך —
פון האָפנונג אויף אייביגקייטען שטומע,
וואָס זיינען צוא קיינעם ניט אַנטפּלעקט.
מיט גלויבען, און אַ שטאַרקען בטחון
אין דיא אומבאַוואוסטזיניגקייט פאַר בשר ודם —
דער זין פון אַ ג־טליכען פאַרנעם
וואָס איז העכערער פון מענשליך פאַרשטאַנד.

טאָ, זודט ניט, און פרעג ניט; עס בלייבט וויא געווען.
דיא נאַכט וועט פאַרבייא גיין און דער טאָג וועט ווידער געשעהן.

Sept. 1, '67 ב"ה ט"ו אלול תשכ"ז

דער יאָהרצייט נאָך מיין אונפערגעסליכען ברודער,
הרב הגאון והחסיד, שלמה לייב הלוי לעוויטאַן.

אבי יתומים ודיין אלמנות[35]

אַ יתום דאַרף אַ טאַטען,
אָבער פאַרוואָס דאַרף אַן אלמנה אַ דיין ?

צו זיין אַ דיין פאַר אלמנות איז טאַקע נור
פאַר ג׳ אַליין.
אַ מענש וועט ריכטען מענשליך
און מענשליך קען ניט זיין פערפעקט,
ווייל אַלע זיינען מיר נור בשר ודם.

דער פאָטער פאַר יתומים
קען אויך נור אָנגעטרויט ווערען צום כל יכול[45] אַליין,
אָבער קינדער זיינען אַ ריינער אונשולדיגער באַשאַף,

אָבער אלמנות זיינען זינדיג
מיט יעדער שריט, יעדער טריט.
ווייל זייער באַשערטער און באַשיצער
איז מענשליך פון זיא ווייט,
פון די לעבעדיגע מוז ער זיין אָפּגעשיידט,
ער זיכער מיהט זיך פאַר זיין יוגענד־פרויא,
זיין פרויא דיא אלמנה,

אָבער משפט׳ן טוט איהר יעדער איינער,
דאַרום דאַרף זיא אַלס דיין
דעם באַשעפער אַליין —
און נור דאַמאָלסט קען איהר וועג
ביז דער ענדע פון איהר לעבען
בלייבען ריין.

מיין נאָמען ווייסט איהר דאָך — דיא אלמנה!

ערב ראש השנה געדאַנקען

עס איז שוין נאָך האַלבע נאַכט,
שוין נאָך דיא ערשטע סליחות,
אין אונבאַוואוסטזיניגקייט קלאַפּט יעדען אידענ׳ס האַרץ.
אין אומרואיגקייט, פאַרנעפּעלט —
פאַרשלייערט אַזויא וויא אַ כלה אין איהר חופּה־טאָג.

אין אַ קנויל, אַ פאַרזיגעלטע —
זיינען די טעג, די פאַרגאַנגענע
וויא אויך דיא טעג פון צוקונפט —
דורך געדאַנקען פאַרשידענע,
מיט אַ צאַפּעלדיגען געמיטה באַהערשט.
עפּעס פלאַנטערן זיך דער עתיד [46] מיט׳ן להבא [19]
און יעדער אויף זיין שטייגער
גיט זיך אונבאַוואוסטזיניג אַ נעם
צוא דיא זייער אור־אַלטע מתנה
פון צדקה, תפילה ותשובה.

אַ גליקליך געבענשטען יאָהר —
אַ יאָהר פון געזונד,
אויך אַ יאָהר פון נחת און פרנסה;
אחרית ימים [6] און שלום אויף דער גאַנצער וועלט.
„אַ פאַרלאַנג אַ באַשיידענער" — — —
מיט חשבון־הנפש,
גיט די האַרץ, די נאַרישע, אַ ציטער,
אָבער מיט׳ן בטחון צום באַשעפער
אויף אַ יאָהר אַ נייעם — פיל בעסער און שענער.

מיין האַרץ ווייטאָגט

ווייטאָגט פאַר זיך אַליין און פאַר אַלע אייגענע.
גאָטעניו, גיב אונז אויפ'ן נייעם יאָהר
דעם פאַרשטאַנד צוא פאַרשטיין.

וויא צוא פאַרשטיין די טיפזיניגקייט
און דיא ברכה פון דיא ג־טליכע לעהרע.
נעם אַרויס, דוא גוטער באַשעפער, אויפ'ן נייעם יאָהר,
דיא קורצזיכטיגע און די פאַרבלאָנדזשעטע —
פאַרבלאָנדזשעט, ניט וויסענדיג
וועלכע איז דיא ריכטיגע, גראָדע וועג —
דיא וועג צוא גליק און נחת רוח[47]
פאַר זיך, פאַר קינדער, און קינדס־קינדער.

וויל טונקעל זיינען דיא אויגען
אפילו פון דיא וואָס קענען זעהען.
וויל דער טעות, אַז דיא חסרונות פון אונזערע
זיינען אויך דיא חסרונות פון אַנדערע.

געפין, מיין פריינד, דעם וועג צוא זיך אַליין
מיטן אמת'ן חשבון־הנפש.
איז פאַר דיר אַלע מאָל אָפען דער וועג,
דער וועג פון גליק — וואָס דאָס מיינט תשובה.
און דאַן, וועלען דיינע קורצזיכטיגע אויגען
דערזעהען די אמת'ע ליכט
און דער וואָס בלאָנדזשעט וועט קומען צוריק
אויפ'ן נייעם יאָהר, אָ, גוטער ג־ט,
פאַרגיב!

Oct. 4, '67

ב"ה

מיטנאַכטיגע געדאַנקען!

עס איז שטיל און רוהיג אַרום,
אַ ווירוואַר פון פערשידענע געדאַנקען,
אַ לאַנגע פאַרגאַנגענהייט,
צוקונפט, אַ קורצע —
אַ קורצע צוקונפט.

נאָך שעה׳ן געציילטע, אין אַ טאָג, אַ האַלבען
קענען זיך גאָר ווערטפול די שעה׳ן אָנפילען.
אַזויא פיל צוא ערווערבען —
בקשות פערשידענע —
פאַר יעדען איינעם
אין זיין אייגען קליין וועלטעל
אפילו אין דעם טומעל, דעם גרויסען
פון „האַסלען און באַסלען"
מיט דיא אַלע נויטווענדיגקייטען
פון אַ יום־טוב אָן אָנקומענדיגען, צוצוגרייטען —
איז דאָך דיא האַרץ אַ ביסעל באַלעסטיגט
מיט אונרואיגקייט, געפילען און בקשות —
אַ שווערע אונזיכערקייט
איז פאַרבאָרגען פאַר יעדען —
פאַר דעם אָנקומען פון דעם יאָהר דעם נייעם.

אָ, גרויסער באַשעפער!
גיב אונזער וועלטעל, דיא וועלטעל אין טומעל,
פאַרגעבונג! אַ ביסעלע מנוחת הנפש [23] און אַ
רוהיגקייט פאַר דעם גרויסען רומיל.

Greylock Hall
A day before Hoshanah Rabbah

עננו! עננו! [48]

דיין אלמנות, אבי יתומים! [35]
פאַרוואָס זאָג איך פאַרקערט?
ניין, ניט פאַרקערט —
איך זאָג וויא איך פאַרשטייא —
עננו!
איך בעט דיך, פאַרשטייא מיין לשון אויך —
דו, אַלמעכטיגער, פאַר דיר זיינען אַלעמענ׳ס לשונות גלייך.
דיא האַרץ האָט נור איין שפּראַך,
און דאָס איז דיא שפּראַך וואָס דוא פאַרלאַנגסט.
איז ווידער נור איין וואָרט, טייערער פאָטער, עננו.

עס איז שווער פאַר אַלעמען היינט —
און נאָך שווערער פאַר מיר,
מיינע אויגען זיינען אַ ביסעלע טונקעל.
פאַרגיב דיא נאַרישקייטען פון מיין יוגענד.
דיא זכותים [49] פון היינט, העלף צוא מאַכען גוט.
דער מאָרגען איז דאָך דיינער,
מאַך עס זאָל זיין אויך מיינער.
ווייל אַ סך צו פאַרריכטען, איז דער באַגער,
דער באַגער פאַר מיין מאָרגען —
פאַר מיר, פאַר אַלע מיינע —

צוא דיר, באַשעפער, זיינען דאָך אַלע וועלטען אַנטפּלעקט.
שיק דיינע רחמים צוא צפון, צוא מזרח, צוא דרום, צוא מערב!
צוא אַ וועלט אין טומעל, דיין שטאַרקע האַנט שטרעק אויס.
באַשיץ, פאַרגעב, פאַרגעב און באַשיץ! — —

Nov. 2, '67 ב״ה ערב ר״ח מרחשון תשכ״ז

אַ געבעט

איז טאָקע מיין צייט שוין פאריבער,
איך בעט דיר, זאָג מיר מיין פריינד ?
איז טאָקע שוין אַלעס פאַר מיר פאַרגאַנגען ?
ענטפער מיר, איך בעט דיר, מיין קינד —

דער יאָהר האָט פערשידענע צייטען,
פיר צייטען, אַ געבאָט פון דער נאַטור אַליין,
אַזויא האָט דער באַשעפער געשאַפען
זיין וועלטעל, די קליינע, פאַר אונז
צו געניסען, צו ווירקען, מיט נוצען
פאַר דיר, זיין אייגענעם קינד.

נור דוא, מענש, נעם אויף און באַטראַכט דאָס,
די וואונדער פון הייליג באַשאַף.
פאַר מיר, פאַר דיר, אָהן אויסנאַם !
פאַר יעדען פון זיינע קינדער איז פאַראַן
גענוג ! נאָך מיט רוח [50] פאַר יעדען
ווייל דורות גייען און קומען, קומען און גייען —
אָבער דער שנירל פון דאָ־זיין
ווערט שטענדיג געקניפט און געבונדען
דיא דורות זייא קומען און גייען.

אַזויא איז מיין געבעט צוא דיר, אָ, דוא הייליגער פאָטער,
פאַרלייגער מיין צייט —
פון דיא ליכט פון דער זון נאָך צוא געניסען.
